משואה
MASSUAH

AR-PR-118-005
"משואה" תל-יצחק
ארכיון
118 / 5 / פר
חטיבה תיק מיכל
מצאי: 4412
מחשב: 50048

עלון "אנחנו כאן ממש בבית" - בית הרבינוביץ' ("אנחנו ממש
(פולנים מאושר ושמחים)
בבית"), בהוצאת לאור משפחת רבינוביץ' ובית ספר שלום עליכם, "ידיש"

בואנוס איירס, ארגנטינה, 1950

5

משואה
MASSUAH
AR-PR-118-005

## שול-ביבליאָטעק

זינא ראבינאוויטש

# אורי פון רמת הכובש

(מעשהלעך פון ישראל)

☆

אַרויסגעגעבן פון דער

**צווישאַ און שלום עליכם שולן**

בוענאָס איירעס
1950

# שול-ביבליאָטעק

סעריע ב׳ נומ. 4


★


זינאַ ראַבינאָוויטש


# אורי פון רמת הכובש

(מעשהלעך פון ישראל)

★


ארויסגעגעבן פון דער

צווישאַ און שלום עליכם שולן

בוענאָס איירעס 1950

יאָר פון באַפרייער גענעראַל סאַן מאַרטין

MASSUAH משואה

# אינהאַלט:

•

| | |
|---|---|
| | זייט |
| אורי פון רמת הכובש | 3 |
| עזרא העלפט בויען אַ „נקודה"... | 9 |
| ווען קומט שוין דער יורה? | 14 |
| אויב איך וועל דיך פאַרגעסן, ירושלים... | 18 |
| אַ מעשה מיט אַ פושקע | 24 |


(די בילדער — גענומען פון „גרגני", פאַרלאַג נ. טברסקי, תל־אביב און פון לוח פון „קרן היסוד" — ירושלים)

געזאַמלטער לייען - מאַטעריאַל
צוגעגרייט צום דרוק פון
ח י י ם  פ י נ ק ע ל ש ט י י ן
און  ק ע ה א ס  ק ל י נ ע ר

משואה
MASSUAH



משואה
MASSUAH

# אורי פון רמת הכובש

★

היינטיקס מאָל, חברה, מוזט איר זיך זייער גוט צוהערן, ווייל די מעשה וואָס איך וויל אייך היינט דערציילן, קאָן איך אייך דער־ציילן אין זייער אַ שטילן טאָן. דאָס איז אַ מעשה וואָס האָט טאַקע געטראָפן, און טאַקע אָט־אָ־דאָ, ערשט נישט לאַנג. דערצו זענען אורים עלטערן מיינע נאָענטע פריינד און אורי אַליין איז מיר טייער, ווי מיין אייגן קינד.

אורי איז געווען דאָס ערשטע קינד פון דעם קיבוץ „רמת הכובש" (דאָס בערגל פון דעם באַזיגער). דאָס איז אַ גרופּע יונגע מענטשן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אויף אַ וויסט בערגל. דאָס בערגל איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ זאַמדיקן מדבר, און זיי האָבן באַשלאָסן צו באַזיגן סיי דאָס שטיינערנע בערגל, סיי דעם וויסטן ים פון זאַמד, וואָס איז געלעגן אַרום זיי.

ווען אורי און זיינע חברים זענען אַלט געוואָרן אַרום צען יאָר, איז שוין „רמת הכובש" געווען אַ שיינער דאָרף מיט אַ פּאָר שיינע געסלעך, מיט גוטע שטיינערנע הייזער, מיט אַ שול, ווו קינ־דער האָבן געלערנט, זיך געשפּילט, געזונגען און געלאַכט. אין די הויפן שטייען שוין פרוכט־ביימלעך, און אין זייערע שאָטנס זיצן שבת נאָכמיטאָג אַרבעטער און לייענען ביכער און צייטונגען. פון די פעלדער זענען אויסגעהאַקט געוואָרן טרעפּ, אויף וועלכע ס׳וואַקסן

וויינטרויבן און אין ארומיקן גאָלד-זאַמדיקן מדבר ליגן אַאזיסן פון פעלדער, גערטנער און וועלדלעך, וועלכע קוקן אַרויף שטאָלץ צו די העל-בלויע הימלען און שמייכלען צום אַרומיקן מדבר גלייך, ווי זיי זאָגן:

— „מיר וועלן דיך בייקומען, פּעטער! און מאַקע גאָר שנעל! יעדער אָנהייב איז שווער, אָבער זיגן וועלן מיר!"

איין צרה איז מיט דעם דאָרף „רמת הכּוכב": ער געפינט זיך זייער ווייט פון אַ יידישן דאָרף און ער איז אַרומגערינגלט מיט אַראַבישע דערפער, וואָס פאַרגינען נישט זייערע יידישע שכנים אַפילו דאָס ביסל נחת פון פאַרוואַנדלען אַ וויסטעניש אין אַ פריי-לעכן דאָרף, אין אַ דאָרף, ווו אַחוץ דאָס קוואַקען פון הינער און דאָס מעקען פון שאָף, הערט מען אויך דאָס שפּילן אויף אַ זיס פידעלע און די טענער פון אַ ברייטהאַרציקער פּיאַנע, וואָס העלפט יעדען זינגען און שפּילן.

פאַרוואָס זיי פאַרגינען נישט? ווער ווייסט? ס'קאָן זיין, אַז מיין זיידע איז געווען גערעכט, ווען ער פלעגט אָפט זאָגן: „ווייל דאָס האַרץ פון מענטשן איז שלעכט פון קינדווייז אָן". נו, גייט און מאַכט עס גוט. האָבן מאַקע די אַרבעטער פון „רמת הכּוכב" גע-וואָלט מאַכן גוט די אַרומיקע שכנים און זיי נישט איינמאָל איינגע-לאַדן אויף אַ שמחה צו זיך אין דאָרף. און דאָך, ווען דער אויטאָ-מאָביל פון „רמת הכּוכב" פלעגט פאָרן צום נאָענטן יידישן ישוב, צי צו דער באַן, פלעגט ער נישט איינמאָל אַרויספאָרן אויף מינעס. זיי זענען געווען באַגראָבן אין די טיפע זאַמדן, איבער וועלכע דער אויטאָמאָביל האָט זיך געקאָנט בלויז שלעפּן.

און אַרבעטן אויף די פעלדער האָט מען אויך נישט געקאָנט אָן געווער אין די הענט. דאָס גאַנצע דאָרף, סיי פרויען, סיי מע-נער, זענען שטענדיק געווען גרייט זיך צו שיצן אין פאַל פון אַן אַטאַקע פון די אַרומיקע שכנים. און נישט נאָר די דערוואַקסענע, נאָר אַפילו די קינדער האָבן געוווּסט, אַז מ'דאַרף זיין גרייט צו באַ-

משואה
MASSUAH



געגעגען דעם ווילדן שונא. אורים חברים פלעגן גאַנץ אָפט פּראַק־טיצירן אין שיסן „פייגעלעך" מיט פייל און בויגן, אָדער זיך שפּילן אין „דוד און גלית", קלייבנדיק גוטע גלאַטע שטיינדעלעך און טרעפן מיט זיי אין הויכע צילן. אורי איז קיינמאָל נישט געווען קיין גרויסער אַנהענגער פון די שפּילערייען און דעריבער האָבן אים זיינע חברים נישט איין מאָל גערופן „פּחדן", „טרוס"... אורי איז נישט געווען פון די שרעקעוודיקע, אָבער בשעת זיינע חברים פלעגן פּראַקטיצירן, פלעגט ער ליב האָבן זיך צוצוהערן צו די געשפּרעכן פון די עלטערע, און פון זיין טאַטנס רייד האָט ער געלערנט מאָד־נע זאַכן. זיי זענען טיף אַריין אין זיין נשמה: „מיט געווער וועלן מיר נישט אויפבויען דאָס לאַנד, מיר דאַרפן דערציען אונדזערע שכנים און זיי באַווייזן, אַז מיר ווילן פון זיי גאָרנישט; אַז מיר ווינטשן זיי בלויז גוטס". און אַזוי ווי אורי האָט שטאַרק געהאַלטן פון זיין טאַטן, איז ער געווען זיכער, אַז זיין טאַטע איז גערעכט. „פּחדן", האָבן די חברים געטענהט, דיין טאַטע איז אפשר גע־רעכט, אָבער שיסן דאַרף מען קענען".

קומט אין אַ שיינעם טאָג אַן אַ ידיעה, אַז די ענגלענדער האָבן זיך דערוווּסט, אַז „רמת חכובש" האָט באַהאַלטן אין בערגל אַ סך געווער און אַז זיי קומען דאָס אויסגעפינען און צונעמען.

אינגיכן זענען טאַקע אָנגעקומען אַ פּאָר לאַסט־אויטאָמאָבילן מיט געדיכט־באַזעצטע סאָלדאַטן מיט בלישטשענדיקע ביקסן. איז אורים טאַטע, ווי דער עלטסטער גרינדער פון דאָרף, אַרויס באַגע־גענען די חשובע געסט.

— מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז איר האָט באַהאַלטן אַ סך געווער, — רופט זיך אָן דער ענגלישער קאַפּיטאַן, — זענען מיר געקומען דאָס צונעמען פון אייך!

— ווייסט דער קאַפּיטאַן, אַז מיר זענען אַרומגערינגלט מיט הונדערטער שכנים, וועלכע זענען גרייט אונדז צו באַפאַלן יעדע

משואה
MASSUAH



נאכט? זיי טוען דאס נישט, ווייל זיי האבן מורא פאר אונדז, — ענטפערט אורים פאטער.

— דאס ווייס איך נישט, — ענטפערט דער קאפיטאן מיט א שטאלענעם פנים און מיט שטרענג-פארשנירעוועטע ליפן. איך ווייס, אז ס'איז פאראן א געזעץ, אז קיינער טאר נישט באזיצן קיין געווער און דעריבער מוז איך עס צונעמען!

— ווייסט איר, אז מיר זענען איינער קעגן דרייסיק אין פאל פון אן אטאקע? און דאס ביסל געווער איז אונדזער איינציקע שוץ? ווייסט איר, אז...

— איך ווייס נישט און וויל נישט וויסן... איך מוז אויספירן... ווו געפינט זיך דאס געווער? — פרעגט דער שטאל-אייזערנער קא-פיטאן.

— דאס געווער ליגט דא אונטער דעם ארייננאנג, נאר איך וועל עס אייך נישט געבן! — ענטפערט אורים טאטע און שטעלט זיך אנידער ביים ארייננאנג און שטרעקט אויס די הענט.

— גייט אוועק, ווייל איך שיס.

— שיסט.

— איך ציל.

— צילט... דאס געווער וועל איך אייך נישט געבן א לעבע-דיקער!

דער שאס האט געטראפן אורים טאטן און ער איז אנידערגע-פאלן, אבער בשעת די סאלדאטן האבן געוואלט אים אוועקנעמען פון דעם ארייננאנג אין דער הייל, איז פלוצים אויסגעוואקסן אורי גלייך, ווי פון אונטער דער ערד ארויס.

ער האט זיך אווארף געטון אויף דעם קאפיטאן מיט די קו-לאקעס און מיט א ווילדן געשריי און אנגעהויבן שלאגן אים מיט די הענט און מיט די פיס:

— איר, נידערטרעכטיקער! — האט ער בלויז געקאנט אויס-

שול - ביבליאטעק
משואה
MASSUAH

שרייען און זיך א ווארף געטון צו זיין פאטער, ארום ווערלכן ס׳האבן זיך צונויפגענומען אלע חברים פון דארף.

— טאטע! טאטע מיינער! וואס האט ער דיר געטון? דער נידער... — אורי איז ארויפגעפאלן אויף זיין טויטן פאטער און צוהערנדיק זיך צו זיין ווילדן געוויין, האבן אלע מיטגעוויינט שטילערהייט. דער קאפיטאן האט זיך אוועקגעדרייט אין א זייט... די סאלדאטן, וועלכע האבן געוואלט פארגעסן אורים פאטער, האבן צוליב אורים געוויין אפגעטראטן אויף די שפיץ פינגער.

א גרויסע שטילקייט האט ארומגעכאפט דאס בערגל. אפילו די פייגעלעך זענען מיטאמאל פארשטומט געווארן, ווען זיי האבן ארונטערגעקוקט פון זייערע צווייגלעך און דערזען אלעמען שטיין ארום אורים טאטן מיט ארונטערגעלאזענע קעפ. גרויסע ביטערע טרערן זענען געפאלן אויף דעם טרוקענעם באדן; און ווי דערשראקן פון דער ארומיקער שטילקייט, האבן די פייגעלעך איינגעשלונגען זייער געשריי.

א לאנגע צייט איז פארביי. דער קאפיטאן האט א ווונק געטון צו די סאלדאטן... עפעס האט זיך א ריר געטון. די באוועגונג פון די סאלדאטן, וועלכע האבן געוואלט שטילערהייט אוועקנעמען אורים טאטן פון דעם אריינגאנג אין הייל, האט אלעמען ווי אויפגעוועקט פון א טיפן, ביטערן חלום.

די שטילע באוועגונג פון די סאלדאטן, וועלכע האבן זיך אויף די שפיץ פינגער דערנענטערט צו אורים טאטן, האט איבערגעריסן אלעמענס געדאנקען.

די הייל!? דאס געווער!? — איז ווי אן עלעקטרישער שטראם דורכגעלאפן יעדנס געדאנק און ווייזט אויס אויך אורים, ווייל ער איז מיטאמאל אויפגעשפרונגען פון זיין טאטנס שוין כמעט אפגעקילטן קערפער, און ווי א ווילדער פויגל מיט אויסגעשפרייטע פליגל, האט ער זיך אנידערגעשטעלט מיט אויסגעשטרעקטע הענט ביים אריינגאנג אין הייל.

מסואה
MASSUAH



משואה
MASSUAH

— איצט וועט איר מיך דאַרפֿן שיסן איידער איר וועט אַרייַנ־גיין, — האָט ער אויסגעשריגן און פֿון זיינע בלויע נאָך פּאַרוויינטע אויגן האָט אַרויסגעשטראַלט אַ מאָדנע ליכט.

דער קאַפּיטאַן האָט מאַכטלאָז אַ וווּנק געטון צו די סאָלדאַטן, זיי זאָלן אים נאָכגיין.

ווען „רמת הכובש" איז נאָכאַמאָל געבליבן שטיל, נאָכדעם ווי די לאַסט־אויטאָמאָבילן מיטן ענגלישן מיליטער האָבן פֿאַר־לאָזט דאָס דאָרף, האָבן די חברים איבערגעטראָגן אורים טאַטן אין גאָרטן פֿון קיבוץ „רמת הכובש" און אים אַנידערגעלייגט אויף דעם שיין־קאָלירטן טעפּעך בלומען, אויף וועלכן ער האָט אַזוי ליב געהאַט צו קוקן שבת אין די רו־שעהן.

יעדער איינער פֿון דאָרף, גרויס און קליין, קינד און קייט, האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ווייל פֿאַר אורים טאַטן, זיך איינגעקוקט אין זיין פּנים און זיך שטילערהייט געזעגנט מיט אים.

אויך אורי האָט זיך אַנידערגעשטעלט פֿאַר זיין טאַטן און שטילערהייט זיך איינגעקוקט אין זיין פּנים, לענגער פֿון אַלעמען, און ס'האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זיינע ליפּן באַוועגן זיך, ווי איי־נער וואָס רעדט צו זיך, אָדער גיט אַ צוזאָג, אַ נדר...

און אפֿשר האָט ער גאָר גערעדט צו זיין טאַטן און אים עפּעס צוגעזאָגט?...

ווער ווייסט.

איין זאַך ווייסט מען יאָ: פֿון יענעם טאָג אָן, ווען אורי דער־הערט אַ לאַסט־מאַשין מיט ענגליש מיליטער אַרויפֿפֿאָרן אויף דעם בערגל פֿון „רמת הכובש", לויפֿט ער באַלד צו דעם אַריינגאַנג פֿון דער הייל, וווּ דאָס געווער איז באַהאַלטן, און שטעלט זיך אַנידער ווי אַ ווילדער אָדלער, וואָס איז גרייט אַרויפֿצושפּרינגען אויף יעדן, וואָס וויל צו אים צוקומען.

משואה
MASSUAH

# עזרא העלפט בויען א „נקודה״...

✱

איר ווייסט דאך שוין, חברה, אז א נקודה אין העברעיש מיינט א פינטעלע. אבער פאר עזראן, וועלכער וווינט אין א קיבוץ אין גליל, באדייט דאס ווארט נקודה — א פינטעלע אויף דער מאפע פון ארץ־ישראל, א נייער ישוב, א ניי דארף, געבויט דורך אזוינע ארבעטער, ווי זיין טאטע־מאמע און זיינע חבריםס עלטערן.

אבער איין זאך איז לייענען וועגן א נייער נקודה און גאר אן אנדער זאך אין טאקע אליין צוליגן א האנט צו דעם אויפבוי פון א נייעם ישוב. קענט איר זיך פארשטעלן, חברה, ווי עזרא איז גע־ווען באגייסטערט, ווען דער לערער האט א וווּנק געטון צו אים און צו נאך עטלעכע ייִנגלעך פון זיין עלטער, צוגעפירט זיי צו א ווייטן ווינקל פון דער שולס גארטן און געזאגט שטילערהייט מיט א צי־טער אין שטים: „א נייע נקודה ווערט אויפגעשטעלט אין צפון גליל מארגן... דאס איז דער ווילדסטער פלאץ אויף אונדזער מאפע. שוין אריבער צוויי טויזנט יאר, ווו א ייד האט נישט געטראטן דארט, ס׳איז צווישן ווילדע בערג און פעלדזן, ווייט און איינזאם, אפגע־ריסן פון יעדן ישוב, ארומגערינגלט מיט ווילדע בעדואינער, פול מיט געפארן, און ס׳וועלן מן־הסתם נישט פעלן קיין קרבנות. אונ־דזער קיבוץ האט די זכיה צו זיין איינער פון די מיטהעלפער. ווילט איר אויך״...

דער לערער האט נישט געענדיקט. ער האט דערזען די אנגע־צונדענע אויגן פון די ארומיקע ייִנגלעך, וועלכע זענען געשטאנען מיט אפענע מיילער, פארכאפטע... דעם לערער האט זיך אויסגע־דוכט, אז אין זייערע אייגעלעך ברענען העלע פייערן. „אלזא! גייט מיר נאך״, — האט ער א שושקע געטון און זיך אויסגעדרייט.

עזרא מיט זיינע חברים האבן געארבעט א גאנצן טאג, זיי האבן געהובלעוועט האלץ, געמאסטן און צוגעשניטן לייוונט פאר

שול־ביבליאָטעק
משואה
MASSUAH

די געצעלטן, געשאַרפטע מעסערס און שערן, געפלאָכטענע קופּערנע און אײַזערנע דראָטן אַרומצובינדן דעם פּלויט פון דעם נײַעם הויף, פון דער נײַער נקודה, מ׳האָט געמאָסטן און צונויפגעלייגט ציגל און שטיינער פאַר די געבײַדעס, פּירעקיקע בעטלעך פאַר דעם טורעם, וואָס וועט שטיין אין מיטן פון דעם נײַעם הויף און אויף דעם טורעם, העט־העט אויפן שפּיץ, וועט שײַנען דער גרויסער סיגנאַל־פּראָושעקטאָר, און באַלײַכטן די אַרומיקע ווילדעניש אויף מײַלן און מײַלן.

טוענדיק די אַלע אַרבעטן האָט זיך עזראַן אויסגעדוכט, אַז דאָס גאַנצע דאָרף זינגט אַ ניגון: „מיר העלפן בויען אַ נײַע נקודה״, און ער איז געווען שטאָלץ מיט זיך און מיט זײַן קיבוץ.

ווען ער האָט זיך אַ קער געטון, האָט ער געפילט דעם נײַעם ניגון, אין קיך האָבן געאַרבעט מער מאַמעס ווי שטענדיק. זייערע פּנימער האָבן געפלאַמט מער ווי שטענדיק. פון דער פּאַרע, פון די גרויסע טעפּ האָט געשמעקט דער נײַער ניגון... די טישן, אָנגעלאָדענע מיט סאַנדוויטשן, האָבן געווונקען און געשושקעט: דאָס איז „צידה לדרך״ — שפּײַז פאַרן לאַנגן וועג — צו דער נײַער ווײַטער נקודה... די נײַ־מאַשינען האָבן פרײלעך געשטעפּט די גרינע לײַוונט פאַר די געצעלטן און זיך באַרימט: „אונטער אונדז וועלן רוען די בויער פון דער נײַער נקודה״.

די אָנגעלאָדענע לאַסט־אויטאָס האָבן זיך שטאָלץ געהויבן איבער די נידעריקע געבײַדעס פון קיבוץ און גלײַך, ווי גוטמוטיק געשמייכלט: „פרעגט נישט! וואַרפט אַרויף וואָס איר דאַרפט! מיר וועלן זיך אָנטון אַ כוח און שלעפּן אַלץ! וואָס טוט מען נישט צוליב אַ נײַער נקודה? און נאָך אַזאַ נקודה! צוויי טויזנט יאָר געשטאַנען אַזוי... אין ווילדעניש... שאַקאַלן, פוקסן... וואַרפט אַרויף!״ — און די אויסגעפּרובירטע טאַטאָרן האָבן זיי געענטפערט: „מיר לאָכן זיך אויס פון דער שווערער משא און פון דעם שמאָלן וועג, נאָר וואָס אויסגעהאַקט אין דער ווילדעניש, מיר בויען אַ נײַע נקודה!״

און עזראַן כאַפּט מיט אַמאָל אַרום אַ הייסער געדאַנק — ער וויל אויך בויען! אויף אַן אמת! נישט פון דערווײַטן... נאָר טאַקע

מסואה
MASSUAH



זיין איינער פון די, וואָס וועלן מאָרגן פאַרטאָג אָוועקפאָרן אויף אַט די לאַסט־אויטאָס. ער האָט געלייענט וועגן יינגלעך, וואָס גנבענען זיך אַריין אין שיפן און פאָרפאָרן אין ווייטע לענדער, און די נייע נקודה איז דאָך נישט קיין ווייט לאַנד! דאַרף מען זיך אַרויפכאַפּן אויף איינעם פון די לאַסט־אויטאָס און אָפּפאָרן אַביסעלע... מ׳וועט אים דאָך נישט צוריקשיקן פון מיטן וועג און דער גאַנצער קאַראַוואַן וועט זיך נישט אומקערן צוליב אים! אָבער ווי אַזוי כאַפּט מען זיך אַרויף?

עזרא דרייט זיך אַרום אַ צעטומלטער. אַ גאַנצן אָוונט פון איין עק קיבוץ ביזן צווייטן. אומעטום שטייען אַרבעטער און פּאַקן און קוקן אַלץ איבער... ווו באַהאַלט מען זיך? געפונען! עזרא דערזעט אַ גרויסן קאַסטן מיט שמוישן. צווישן אַט די שמוישן איז ווייך און וואַרעם און אויב מ׳וועט אַפילו פאַרמאַכן דעם קאַסטן, האָט ער אויך אַן עצה, אויסשניידן אַ לאָך מיט זיין מעסערל און צוטוליען די נאָז צום לאָך, קיינער וועט נישט באַמערקן אין דער פינצטער... בלייבט עס אַזוי! קיין איינציקער נפש טאָר נישט וויסן, ס׳איז זיין סוד!

אַט פאַלט צו די נאַכט. אַלע גייען שלאָפן פריער ווי געוויינלעך. ער וועט גיין באַגלייך מיט אַלע קינדער אין בית ילדים (קינדער־הויז) און ווי נאָר די קינדער וועלן איינשלאָפן, וועט ער זיך אַרויסכאַפּן און אַריין אין קאַסטן אונטער די שמוישן... פון אַ גאַנצן טאָג אַרבעט איז עזרא מיד און שלעפעריק. ס׳וואָלט טאַקע גוט געווען צו כאַפּן אַ דרימל, טראַכט ער, כדי צו זיין מונטער און וואַך פאַרטאָג, ווען דער קאַראַוואַן וועט זיך רירן פון אָרט, אָבער ער וואַרט אויף זיינע חברים! ס׳זאָל נישט זיין פאַרדעכטיק. אַלע ליגן שוין אין די בעטן.

— אָך! ווען איך בין בלויז מיט צען יאָר עלטער! — זאָגט איין חבר.

— וואָס וואָלט געווען, — פרעגט עזרא מיט אַ שמייכעלע, — כאָטש ער ווייסט דעם ענטפער. און ביי זיך אין האַרצן טראַכט ער: „אָבער איך, עזרא, וועל טאַקע מיטפאָרן!” ס׳מאַכן זיך ענד־

לעך צו שוין די אויגן און ס'הערט זיך שוין א שטיל כראָפּען... באלד, באלד! רעדט עזרא ביי זיך אין האַרצן... „די גרויסע דרייען זיך נאָך אַרום! כאַפּ דערווייל אַ דרימל, עזרא! ס'וועט צוגיין קר־מען... ניין! שלאָף נישט, עזרא! שלאָף יאָ! שלאָף נישט! וואָס נו־דיעט איר!״ — בייזערט זיך אויף עמעצן עזרא. איך האָב זיך בלויז אָפּגערוט אביסל און איך לויף שוין גלייך צום קאַסטן! איר זעט, אָט ליג איך שוין אונטער די שמוישן. אַך, ווי גוט און וואַרעם! פּונקט ווי אין בעט, נאָר דער אויטאָ שאָקלט און וואַקלט זיך — אוודאי! דער לערער האָט דאָך דערציילט, אַז ס'איז אַ נייער וועג, נאָר־וואָס אויסגעהאַקט אין ווילדעניש...

דער אויטאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט. ווייזט אויס שוין אָנגעקו־מען אויף דעם פּלאַץ. נישטאָ וואָס צו אײַלן זיך. זאָלן פריער אַלע אַרויסקריכן. אַלע שטייען שוין ביי דער אַרבעט: די קלאַפּן אַריין דרוקעס אין דער ערד, יענע ציען די דראָטן, די לייגן די ציגל פון טורעם, אַנדערע קלאַפּן אַריין די הילצערנע טרעפּ און קלעטערן אַרויף אויפן סאַמע שפּיץ, כדי אוועקצושטעלן דעם פּראָזשעקטאָר.

עזרא שטייט שוין אויך אַרום די, וואָס אַרבעטן אויף דעם פּראָזשעקטאָר און דרייען אים אין אַלע זייטן. אַלע זענען אַזוי פאַרנומען מיטן פּראָזשעקטאָר, אַז מע באַמערקט אים גאָרנישט... אָט האָט מען אים באַמערקט, אָבער קיינער מאַכט קיין ווען נישט. טאָרן קיין קינדער נישט העלפן בויען? אָט ווינקט אים אַ חבר פון אַן אַנדער קיבוץ און זאָגט אים: חברהמאַן! איך זע, דו פאַרשטייסט אַן ענין! רוק אַריין דעם קאָפּ אין פּראָזשעקטאָר. אָט אַזוי. און דריי אים, ווי אין פּסוק שטייט, אין אַלע פיר זייטן. און אויב דו זעסט אַז ס'באַוועגט זיך עפּעס אין דערווייטנס, לאָז וויסן. גיב אַ סיגנאַל! פאַרשטייסט! און איך וועל בעסער אַרונטערגיין און צולייגן אַ האַנט. די אַרבעט איז שווער און די צייט איז קורץ!

געדעדט און געטון. ער לויפט שוין אַרונטער און עזרא בלייבט אַליין! איך שטיי אויף דער וואַך אין אַ נייער נקודה! נאָך צוויי טויזנט יאָר, אַ נייער ישוב! און איך בין פון די וועכטער. איך, עזרא.

משואה
MASSUAH



שול־ביבליאָטעק
משואה
MASSUAH

אַ בויער. אַן ערשטער. פּונקט ווי יענער עזרא, וועלכער האָט צו־ריקגעבראַכט די יידן פון גלות בבל...

מיטאָמאָל דערזעט ער עפּעס אין צפון־ווינקל. אַ גאַנצע מחנה. ווי היישעריקן, איינגעוויקלטע אין ווייסע און קאָלירטע אַבאַיעס (מיכלעך) אויף די קעפּ.

— בעדואינער! — שרייט עזרא און גיט אַ סיגנאַל. אַלע כאַפּן זיך צום געווער. עזרא דרייט דעם פּראָזשעקטאָר. — פון דרום גייט אויך אַ מחנה, — גיט עזרא דעם צווייטן געשריי. עס הייבט זיך אָן אַ שיסעריי. ער וויל פאַרלאָזן דעם פּראָזשעקטאָר און כאַפּן אַ ביקס אין דער האַנט. בויער דאַרפן קענען אויך שטאַרבן פאַר זייער נקודה, — זאָגט ער צו זיך...

אָבער דאָ הערט ער אַ געשריי: עזרא! בלייב אויף דער וואַך! בויער דאַרפן פאָלגן. איך פאָלג! איך בלייב! סיגנאַליזירט ער ווײַ־טער. אָבער מיטאָמאָל איז געוואָרן פינצטער אין פּראָזשעקטאָר. אַ קויל איז אַריין און האָט אים אויסגעלאָשן... חברים, שרייט ער, רופט זיך אָפּ! העלפט! נישט מיר! דעם פּראָזשעקטאָר! איר הערט! מיך אַרט נישט. בויער דאַרפן קענען שטאַרבן. מיך אַרט נישט פאַר זיך. אָבער די נקודה! די נייע נקודה, איר ליכט מוז לייכטן! איר הערט?

— „וואָס שרייסטו אַזוי?" — הערט עזרא אַ געוואַלד אַרום זיך. — „האָסט היץ? ס'קדחת, צי אַזוי אַ שטיקל מאַלאַריע", — חכמעט זיך אַ צווייטער.

— „דער פּראָזשעקטאָר" — רעדט עזרא אַרוים מיט אַ קאַלטן שווייס אויפן פּנים. — מ'האָט אים אויסגעלאָשן.

חברה לויפט צו צום פענצטער: — ס'האָט זיך דיר געחלומט! זעסט ווי העל ס'לייכט אונדזער פּראָזשעקטאָר אויף אונדזער טו־רעם, אָבער די לאַסט־אויטאָס זענען שוין אָוועקגעפאָרן. און מאָרגן, אין דער צייט, וועט אין ווייטסטן צפון לייכטן אַזאַ טורעם מיט אַזאַ פּראָזשעקטאָר און באַלייכטן די בערג פון חרמון... די נייע נקודה...

— וואָס איך האָב געוואָלט העלפן בויען... — זאָגט עזרא צו זיך אַן אומעטיקער.

# ווען קומט שוין דער יורה? *)

פון זינט מען האָט עריקן אַראָפּגעבראַכט אין קיבוץ, הערט ער כמעט פון יעדן איינעם פון זיינע נייע חברים: „אַך! ווען קומט שוין דער יורה?"

ווייסט עריק נישט וועמען מע מיינט דאָ, אָבער ער טראַכט זיך אַזוי: אמת, העברעיש פאַרשטיי איך דערווייל נאָך גאַנץ ווייניק, אָבער פון דעם, וואָס די קינדער זאָגן מיר, פאַרשטיי איך, אַז זיי ווילן זייער אַז עמיצער, וואָס הייסט יורה (און אפשר איז דאָס בלויז אַ צונאָמען?) זאָל שוין וואָס שנעלער קומען! טאָ, וואָס דאַרף איך זיין אַ נאַר און פרעגן? און עריק האָט באַשלאָסן זיך נישט אונטער־צוגעבן צו זיין נייגער און נישט פרעגן קיין קשיות.

עריק ווייסט שוין, אַז אין קיבוץ איז נישט נאָר נישטאָ קיין געלט, נאָר ס'איז אפילו נישטאָ קיין „מיינס" און „דיינס". דאַרף מען עפּעס האָבן, גייט מען אין „הפּסקה" (האַפּסאַקאַ) און מע מעסט דיר דאָרט צו קליידער און שיך. וועגן עסן — איז נישט שייך, אַז נאָר מע שטייט איבער די קינדער און מע בעט זיי, אַז זיי זאָלן עסן וואָס מער, כדי זיי זאָלן אויסוואַקסן געזונטע אַרבעטער! און אַז איינער באַקומט אַ מתנה פון ערגעץ, גיט ער זי סיי ווי אַריין אין שפּילצימער פון קיבוץ, אַזוי אַז אַלע טיילן זיך און אַלע זענען גלייך. ווער־זשע איז פאַרט דער יורה? און פאַרוואָס ריידן וועגן אים אפילו די גרויסע? אַט האָט ער היינט געהערט ווי איינער פון דעם קיבוץ האָט פאַרזיכערט אַ צווייטן, אַז היינטיקע וואָך קומט שוין זיכער דער יורה, — ווער איז ער, אָט־אָ דער, אויף וועמען אַלע קוקן אַזוי אַרויס?

*) יורה (יאָירע) — אַ שטאַרקער רעגן, וואָס פאַלט אין ארץ־ישראל נאָר אין האַרבסט

משואה
MASSUAH



אָט שפּילט זיך עריק מיט די קינדער און ער הערט ווידער־אַמאָל: „זאָל נאָר קומען דער יורה, וועסטו שוין זען וואָס מיר וועלן טוען נאָך דעם לערנען!"

— „וואָס?" — כאַפּט זיך אַרויס ביי עריקן פון מויל. — „דו קאָנסט זיך אַפילו נישט פאָרשטעלן", — ענטפערט מען אים, — „דאָרט, פון וואַנען דו קומסט, פלעגסטו אוודאי אויסגעפוצטערהייט גיין נאָך דעם לערנען שפּאַצירן אין פּאַרק אַריין, אָבער ביי אונדז, גייען מיר אין פעלד אַריין און מיר לייגן טאַקע צו אַ האַנט. אָבער וואַרט נאָר און וועסט זען ווען דער יורה וועט קומען!"

„וואָס האָט דאָס גיין אין פעלד אַריין און צולייגן אַ האַנט צו דער אַרבעט צו טון מיט דעם פעטער יורה, צי מיט דער מומע יורה" — וויל עריק אַ פרעג טון און כאַפּט זיך צוריק.

„זיי נישט קיין גרינער, עריק, און שטעל נישט קיין קלאָץ קשיות", — רעדט עריק צו זיך אַליין, כאָטש זיין האַרץ איז פול מיט נייגער.

קומט ער אין שול פון קיבוץ און הערט ווי דער לערער זאָגט:

— „חברה! מן הסתם די וואָך וועט שוין קומען דער יורה און באַלד נאָכדעם מאַכן מיר דעם ערשטן שפּאַציר אין וואַלד אַריין און איר וועט זען, ווי אַלץ וועט זיך מיט איינמאָל אָנטון אין גרינעם, דאָס פעלד, דער גאָרטן, די לאָנקעס, ווי מיט אַ כישוף־האַנט וועט זיך אַלץ מיטאַמאָל איבערבייטן".

„אָבער וואָס האָט דאָס צו טון מיט דעם גאַסט, וועלכן מ'רופט יורה?" — פרעגט זיך עריק.

אין אָוונט, אין קינדער־צימער, הערט ער, ווי די קינדער, זיצנ־דיק אויף די בעטן, הערן נישט אויף צו ריידן וועגן יורה. זעצט זיך עריק אויך אויף און הערט זיך צו. עס זעט אויס, אַז אַלע זענען פאַר־ליבט אין יורה, ווען נישט, וואָלטן זיי נישט געזעסן און געטרוימט וועגן זיין קומען! עס מוז זיין אַ מאַן! באַשליסט עריק: „דער יורה מוז זיין אַ גרויסער העלד פון די אַרבעטער און זיכער זייער אַ גר־

טער, ווייל אלע אן אויסנאם האבן אים אזוי ליב!" פארדריסט עריקן וואס ער איז נאך נישט באקאנט מיט דעם דאזיקן מאן. און ער זיצט און הערט זיך צו וואס מ'רעדט וועגן דעם ווינטיקן גאסט. הערט ער ווי איין יינגל זאגט:

— „היינטיקס מאל וואלט איך געוואלט דער יורה זאל קומען ביינאכט. איר זאלט אים אלע פארשלאפן און נאר איך זאל אים באגעגענען".

— „פונוואנען ווייסטו, אז דו וועסט אים נישט פארשלאפן?" — פרעגט די איבעריקע חברה.

— „איך קאן אים נישט פארשלאפן", — ענטפערט יענער, — „איך האב אים צו פיל ליב און איך וועל דערפילן אין שלאף זיין קומען".

— „און וועסט אונדז אפילו נישט אויפוועקן?" — פרעגט א צווייטער.

— „ניין, ניין! און דערנאך וועל איך זיך רייצן מיט אייך, אז איר האט אים פארשלאפן!" — לאכט יענער.

„קומט דען דער יורה בלויז אויף א מינוט צי אויף א שעה", — רייסט זיך שיעור נישט ארויס פון עריקס מויל, אבער ער גיט זיך א בים די צונג און שווייגט, און הערט זיך ווידער צו.

— „זעסטו", — רופט זיך אן אנדער יינגל, — „דיר אויף צו־להכעיס וועט דער יורה היינטיקס מאל קומען בייטאג, בשעתן לערנען און מיר וועלן אלע ארויסלויפן פון די קלאסן אים באגעגע־נען און באגריסן מיט געזאנג".

— „און איך פארזיכער אייך", — רופט זיך אן גאר א קליין יינגל, — „ווען איך דערהער אין מיטן שלאף דעם יורה, וואלט איך נישט געווען אזוי שלעכט און איך וואלט יעדן אויפגעוועקט, אז קיינער זאל אים נישט פארשפעטיקן".

„וואס ברענט אזוי, אז מ'דארף אין מיטן דער נאכט אויפשטיין

משואה
MASSUAH



און זיך באקענען מיט דעם יורה?" — שרייט שיעור נישט ארויס עריק.

די חברה ריידן א לאנגע צייט וועגן דעם חשובן גאסט ביז זיי ווערן אלע אנטשלאפן. און מיטאמאל הערט עריק אין זיין שלאף, אז אין צימער איז א טומל. עריק שפרינגט אויף פון בעלעגער. אלע זענען אויף די פיס און אלע שטופן זיך צו די פענצטער. „דער יורה, דער יורה!" — שרייען אלע. עריק איז א צעטומלטער. ער פארשטייט נישט וואס קומט דא פאר. „אך, א מין שטארקער יורה", — שרייט איינער. „איך האב איס דערהערט", — שרייט דער קלענסטער פון אלע, — „און איך האב דאס אלעמען אויפגעוועקט". אלע קינדער האבן באלאגערט די פענצטער און א טייל האבן זיך אפילו ארויסגעריסן אין דרויסן און טאנצן בארוועסע אונטערן רעגן און כאפן זיינע טראפנס מיט די הענט און מיט דעם אפענעם מויל.

— „אך, ווי פריש ער שמעקט!" — שרייט איינער.

— „מארגן וועט שוין אלץ ווערן גרין און פריש אין פעלד". — שרייט א צווייטער, — „און אונדזער שפאציר! פארגעסט נישט, אז דער לערער"...

אבער דא האט זיך שוין עריק מער נישט געקאנט איינהאלטן און אויסגעשריגן:

— „דאס איז דער יורה ביי אייך? דארט, ביי אונדז, האט עס געהייסן רעגן".

— „רעגן? ניין, יעקע!" — זענען די קינדער איס גוטמוטיק באפאלן, — „דארט איז אזא איינס נישט געווען. מיר, ווארטן אויף דעם א האלב יאר פון פסח ביזן הארבסט, מיר ווארטן אויף איס, ער זאל אונדז באשפריצן די פעלדער און באגרינען דאס גאנצע לאנד. מיר קוקן אויס די אויגן. דאס איז בלויז אונדזער יורה..."

משואה
MASSUAH

# אויב איך וועל דיך פארגעסן, ירושלים...

— א. —

ס׳האט געלעבט אין דער אלטער שטאט פון ירושלים א תימנער ייד, וועלכער האט געהייסן נסים.

ער איז געווען פרום און פלעגט דאווענען ביים „כותל״ (ביי דער וואנט) צוויי מאל א טאג — אינדערפרי און אין אוונט.

אינדערפרי — פארן גיין צו דער ארבעט און אין אוונט — ווען ער פלעגט קומען פון דער ארבעט.

און וואס איז געווען זיין ארבעט, ווילט איר דאך וויסן?

ער איז געווען א טרעגער — א „סבל״, ווי מען רופט עס אין העברעיש — און פון זיין ארבעט האט ער אויפגעהאדעוועט א פיינע משפחה — דריי זין און צוויי טעכטער.

ווען ער איז געווארן אלט, האבן זיינע קינדער געבעטן ער זאל אויפהערן צו ארבעטן, זיך אויפהערן צו שלעפן מיט די שווערע קוישן אויף די מערק...

אבער נסים האט נישט געוואלט לעבן פון די קינדערס שטיצע.

ער האט געזאגט: א מענטש דארף לעבן פון דער פראצע פון זיינע הענט.

אבער איינמאל איז קלאר געווארן, אז ער וועט שוין מער נישט קאנען לעבן פון דער פראצע פון זיינע אייגענע הענט... די הענט האבן אנגעפאנגען צו ציטערן. דער שווערער קארב, וועלכן ער האט געטראגן פון מארק, איז ארויסגעפאלן פון זיינע הענט און ס׳האבן זיך צעקייקלט איבער דער גאס די מאראנצן, צעפלויגן זענען זיך אין אלע זייטן די לימענעס, דאס עוף, וואס זיין קונד האט איינגעקויפט אויף שבת, איז שוין געלעגן אין מיטן וועג און ס׳האט שוין געקוקט אויף דעם דער קאטער פון א דערבייאיקער קראם...

מיט איין ווארט — ס׳איז געווארן שלעכט, קיינער האט נישט געוואלט געטרויען מער נסימען קיין קויש מיט שפייז.

משואה
MASSUAH



נסים האט געמוזט אויפהערן צו ארבעטן.

ער פלעגט אפשטיין ביים כותל גאנצענע טעג און בעטן גאט ער זאל צו אים אומקערן דעם כוח פון זיינע הענט.

נסימס קינדער האבן געארבעט אין דער נייער שטאט. זיי איז געווען שווער צו לויפן צו הער ארבעט אלע אינדערפרי. זיי האבן זיך געוואלט ארויסקלייבן אין דער נייער שטאט, אבער דער אלטער נסים האט נישט געוואלט פארלאזן אלט-ירושלים. זיי האבן זיך ביי אים געבעטן, אבער נסים האט געזאגט צו זיינע קינדער:

— וואס האב איך אין דער נייער ירושלים? די נייע שטאט איז פאר אייך, די אלטע — פאר מיר! דא האב איך מיין „כותל"! ביי מיין כותל קאן איך מתפלל זיין צו גאט. קאן זיין ער וועט נאך דערהערן מיין תפילה און מיר אומקערן דעם כוח פון מיינע הענט.

האבן זיינע קינדער אים געבעטן אזוי:

— דו ביסט איינער און מיר זענען עטלעכע. מיר דארפן זיך יאגן צו דער ארבעט, פאטער...

— און איך דארף זיך יאגן צום כותל, — האט ער זיי איבערגעשלאגן. — דא האב איך געלעבט אלע מיינע יארן... דא וויל איך לעבן וויפל ס'איז מיר נאך באשערט צו לעבן... דא וועל איך שטארבן.

— ב. —

ס'איז געקומען די מלחמה פאר ירושלים. די אלטע שטאט איז באלאגערט געווארן. מ'האט געשאסן פון אלערליי שיס-געווער פון אלע זייטן. מען האט נישט געטארט ארויסגיין פון הויז. אלע איינוווינער האבן זיך געקלעפט צו זייערע ווענט, צו זייערע וווינונגען, ווי מייז צו זייערע לעכער.

נסים האט געמוזט אויפהערן צו גיין צום כותל מתפלל זיין דארטן.

שווערע טעג זענען געקומען אויף אלע פרומע יידן פון דער אלטער שטאט. אבער פאר דעם אלטן נסים זענען די טעג געווען

משואה
MASSUAH

אומדערטרעגלעך. וואָס גייט אים אָן דער הונגער? — ווען מ'גלויבט אין גאָט קאָן מען לעבן מיט אַ „כזיתל" עסנווארג, — פלעגט ער זאָגן.

— נישטאָ קיין וואַסער? וואָס האָבן געטון די יידן, ווען זיי זענען געוועזן באַלאַגערט פון די רוימער, מיט קאַרגע צוויי טויזנט יאָר צוריק?

די ערגסטע זאַך איז געווען פאַר נסימען, וואָס ער האָט נישט געקאָנט לויפן צום „כותל" צוויי מאָל אַ טאָג מתפלל זיין דאָרט, ווי עס איז געווען זיין שטייגער.

ווי האַלט מען דאָס אויס? — האָט ער געמורמלט, — ווי טראָגט מען דאָס אריבער?

האָט נסים טאַקע נישט אויסגעהאַלטן.

— ג. —

איינמאָל, פאַר באַגינען, ווען ס'זענען געשלאָפן זיין ווייב און קינדער, ווען ס'זענען געשלאָפן אַלע שכנים פון דעם אַרום, האָט זיך נסים אָנגעטון אויף שנעל און זיך אַרויסגעגנבעט פון זיין וווי־נונג.

אזוי האָט געטראַכט נסים בשעת מעשה:

„די סאָלדאַטן פון אונדזער צד דרימלען איצט... די סאָלדאַטן פון דעם אַראַבישן צד דרימלען איצט. איידער מ'ברעכט דורך דער פרימאָרגן, איז די שעה פון דעם זיסטן דרימל. אַלע שלאָפן גע־שמאַק... שטיל איז די גאַנצע שטאָט, די אַלטע... שטיל איז די לופט. איצט איז די צייט!"

ער האָט זיך געקלעפט צו די אַלטע דיקע ווענט פון די קרומע פאַרדרייטע געסלעך אַרום דעם כותל.

האָט ער דערגרייכט דעם כותל?

האָט ער מתפלל געוועזן ביים כותל צו גאָט?

ווער ווייסט!

וואָס מען ווייסט יאָ איז —

משואה
MASSUAH



משואה
MASSUAH

מיטאָמאָל האָט אַן איינציקער שאָס אויפגעוועקט דעם יידישן נעגנט פון דער אַלטשטאָט.

ס'איז געוואָרן אַ בהלה און איבערן גאַנצן שמאָלן געסעלע האָט מען געהערט נאָר איין זאַך:

„וווּ איז נסים? ווהין איז ער אַהינגעקומען?" — האָבן אַלע געפרעגט.

ביז מ'האָט אים געבראַכט אַ פאַרוווּנדעטן אַהיים, און פון דער היים האָט מען אים אָפּגעטראָגן אויף אַ טראָג־בעטל אין שפּיטאָל אַריין.

— ד. —

לאַנג איז נסים געלעגן אין שפּיטאָל.

ער האָט זיך שוין זייער גוט געבעסערט. ער איז שוין געשטאַנען אויף די פיס. ער איז שוין אַרומגעגאַנגען פון איין בעטל צום צווייטן.

אָבער ער איז נאָך נישט געווען אינגאַנצן געזונט.

ס'איז געוואָרן אַ שטיקל צייטווייליקער שלום צווישן די יידן און די אַראַבער... דער באַדינג איז געווען, אַז מען וועט אַרויספירן אַלע קראַנקע און אַלטע, אַלע פרויען און קינדער פון אַלט־ירושלים אין דער ניי־ירושלים.

אָבער וואָס טוט מען מיט נסימען?

מען האָט געוווּסט, אַז נסים וועט זיך נישט לאָזן אַרויספירן פון דער אַלטער שטאָט. ער וויל נישט וויסן, אַז קריג איז קריג, אַז אַ באַדינג לויט וועלכן מ'מאַכט אָפּ אַ שלום, מוז מען האַלטן.

מען האָט עס אים געפּרוּווט דערקלערן, אָבער ער האָט אַליץ געטענהט זיינס:

„ניי־ירושלים איז פאַר אייך — יונגע... פאַר מיר איז — אַלט־ירושלים! דער כותל! איך וועל פון דאַנען נישט אַוועק... אויב איך וועל דיך פאַרגעסן, ירושלים, זאָל פאַרגעסן ווערן מיין רעכטע האַנט!..."

איז וואָס טוט מען מיט דעם „אויב איך פאַרגעס דיך, ירו־

משואה
MASSUAH



שלים?״ — אזוי האט מען שוין לאנג גערופן נסימען דעם תימנער יידן פון אלטשטאט ירושלים.

א דאקטער האט געגעבן אן עצה. מען וועט איינגעבן נסימען א שלאף־געטראנק, און אן איינגעשלאפענעם וועט מען אים אריבערטראגן אין שפיטאל אריין אין נײ־ירושלים.

און אזוי האט מען טאקע געטון.

— ה. —

ווען נסים האט זיך אויפגעכאפט פון דעם שלאף און זיך אויסגעניכטערט פון דעם שלאף־געטראנק, האט מען אים דערקלערט, אז ס׳איז געקומען א באפעל פון דעם גרעסטן יידישן גענעראל אריבערצופירן אלע יידן פון אלטשטאט אין נײ־ירושלים.

און ווער קאן דאס זיך איינשטעלן צו טון עפעס קעגן דעם באפעל פון דעם העכסטן מיליטערמאן?

ס׳האט זיך אויסגעדוכט, אז נסים האט איינגעשטימט. קריג איז קריג און ס׳מוז אויספאלגן אלע באפעלן אין קריגסצייט!

ער האט אנגעהויבן צו עסן און צו טרינקען ווי אלע חולאים, וועלכע בעפערן זיך.

נאר איין זאך פלעגט אים אונטערשיידן פון די איבעריקע אין שפיטאל, ער פלעגט מורמלען בייטאג און ביינאכט: „אם אשכחך ירושלים — אויב איך וועל דיך פארגעסן, ירושלים... פארגעסן זאל ווערן מיין רעכטע האנט... צוגעקלעפט זאל ווערן מיין צונג צו מיין גומען, כותל מיינער״.

— ו. —

איינמאל, נאך פאר באגינען, איז געקומען צולויפן א סאלדאט פון זיין וואך מיט א גרויסער נייעס: די אראבער פון אלטשטאט האבן געכאפט דארטן א יידן, וועלכן זיי ווילן אויסבייטן אויף א וויכטיקן אראבער.

משואה
MASSUAH

— ווי קומט אַהין אַ ייִד איצט? — האָט געלאַכט דער נאָך אַביסל פאַרשלאָפענער אָפיצער. — זיי ווילן אונדז אַריינגאַרן!

אָבער דאָס אַראַבישע מיליטער פון דער אַלטשטאָט האָט גע-האַלטן אין איין שיקן ראַדיאָ-נייעסן:

„מיר ווילן אים נישט הרגענען. ער קוקט אויס צו פרום און צו הייליק. דערפאַר ווילן מיר פאַר אים אַ גוטן פרייז. מיר ווילן אויסלייזן אַ וויכטיקן אַראַבער פאַר אייער ייִדן".

ס'זענען געלאָפן ראַדיאָ-נייעס פון אַלטשטאָט אין נײַ-שטאָט, פון נײַ-ירושלים אין אַלט-ירושלים. ביז וואַנען מ'האָט זיך איבער-צייגט, אַז די אַראַבער האָבן טאַקע געפאַנגען אַ ייִדן.

אָבער ווי אַזוי איז דער ייִד אַריין אַהין, אין דער אַלטשטאָט? ווער איז ער, אַט דער ייִד? —

מ'איז געקומען צו אַן אויסגלייך. מ'האָט אַרויסגענומען פון געפענקעניש, פון נײַ-ירושלים אַ וויכטיקן אַראַבער און מ'האָט אים געפירט פאַרזיכטיק מיט אַ שווערער וואַך אין אַלט-שטאָט אַריין, כדי דאָרט אויסלייזן דעם ייִדישן קריגס-געפאַנגענעם.

מ'איז געגאַנגען דורך אַלע קרומע און פאַרדרייטע געסלעך פון אַלט-שטאָט ביז מ'איז געקומען צום כותל.

דאָרט איז געשטאַנען דער קריגס-געפאַנגענער און האָט גע-דאַוונט אין זיין טלית און תפילין.

זיין קאָפּ איז געווען אַריינגעטון אין די גרעזעלעך, וועלכע וואַקסן צווישן די גרויסע, הויכע, דיקע, אַלטע שטיינער פון כותל.

זיינע ליפּן האָבן געקושט די שטיינער און געפּליסטערט: „אויב איך וועל דיך פאַרגעסן, ירושלים!"

— דאָס איז דאָך נסים דער תימנער! — האָבן אויסגערופן די סאָלדאַטן, ווען זיי האָבן דערהערט זיינע ווערטער „זאָל פאַרגעסן ווערן מיין רעכטע האַנט"...

אָבער ווי אַזוי איז ער געקומען אַהערצו? ווי אַזוי האָט ער באַוויזן דאָס צו טון? — האָבן זיך אַלע געוווּנדערט.

מ'וווּנדערט זיך ביז היינטיקן טאָג...

משואה
MASSUA

# א מעשה מיט א פושקע

☆

די מעשה, חברה, וואס איך וועל אייך דא דערציילן, איז נישט קיין אויסגעטראכטע, נאר אן אמתע, פאסירט האט עס נישט לאנג, אין דער איצטיקער מלחמה, אין אפריקע. עס האבן זיך געשלאגן די ענגלענדער מיט די איטאליענער. איינמאל נאך א גרויסער שלאכט, האבן די ענגלענדער איינגענומען א דארף אין מיטן מדבר. א סך איטאליענער זענען אנטלאפן, א סך האבן זיך אונטערגעגעבן און נאך מער זענען געבליבן ליגן געהרגעטע און פארוואונדעטע ארום דעם דארף.

ווי נאר די ענגלענדער זענען אריינגעקומען אין דארף, האבן זיי אנגעהויבן אפרייניקן דעם פלאץ. די פארוואונדעטע, וועלכע האבן זיך געוואלגערט אויף דעם זאמד, האבן זיי צונויפגעזאמלט אין איין געצעלט, אין דעם צייטווייליקן מדבר-שפיטאל. די וועלכע האבן געהאלטן ביים אויסגיין, זענען אויך געבראכט געווארן אין א געצעלט, ווו עס איז געשטאנען אן ארמיי-גלח און האט געזאגט תפילה, און פאר די טויטע האט מען אויסגעגראבן א גרויסן קבר, איין ברודער-קבר, ווי עס פירט זיך אין מלחמה-טעג.

א לאנגע צייט האבן צוויי ענגלישע [illegible] די הרוגים צו זייער קבורה. מיטאמאל האט [illegible]

— האסטו געהערט? — האט [illegible]

— יא! — האט דער צווייטער געענטפערט, — וואס זאל דאס זיין?

נישט זאגנדיק מער קיין [illegible] לענדער האבן נישט ליב צו ריידן קיין סך, האבן [illegible] אנידערגעלייגט דעם מת [illegible] מלחמה, טאקע דיסציפלין, און קיין צייט איז אויך נישטא, דאך — ווי קאן

משואה
MASSUAH

מען ארונטערלאָזן אַ סאָלדאַט אין קבר אריין, ווען עס קלאַפּט ביי אים עפּעס אַזוי שטאַרק אין קעשענע?

די ענגלענדער האָבן לאַנג נישט באַדאַרפט זוכן, גלייך אין דער ערשטער קעשענע האָבן זיי געפונען וואָס ס'האָט אַזוי געקלאַפּט.

דאָס איז געווען אַ בלוי' פּושקעלע, מיט אַ לעכל, ווי אַ קינדערשע געלט-קאַסע און מיט ווייסע אותיות זענען געווען אָנגעשריבן אַ פּאָר ווערטער, וואָס די סאָלדאַטן האָבן נישט געקאָנט איבערלייענען. זיי האָבן איבערגעלאָזט דעם איטאַליענער ליגן, און געבראַכט די פּושקע צו זייער אָפיצער. יענער האָט שטילערהייט אָנגעהויבן באַקוקן און באַטראַכטן די פּושקע, אין וועלכער עס האָבן געקלונגען עטלעכע מטבעות. דערווייל איז אָנגעקומען דער ארץ-ישראל-סאָלדאַט, וועלכן מ'האָט געשיקט רופן. ס'איז געווען קלאָר, אַז ס'איז אַ יידישע פּושקע. יאָ. דאָס איז געווען אַ פּושקע, אין וועלכער יידן פון דער גאַנצער וועלט נעמען צונויף געלט פאַר דעם איינקויף פון באָדן אין ארץ-ישראל.

— יאָ, אָבער וואָס טוט אַ יידישע פּושקע ביים איטאַליענער אין קעשענע? — האָט דער אָפיצער געזאָגט שטילערהייט, קוקנדיק מיט גרויס פאַרדאַכט אויף דער פּושקע. — עפנט זי אויף, עס קאָן זיין אַז דאָ איז פאַראַן עפּעס אַ סוד.

די סאָלדאַטן האָבן געפאָלגט זיין באַפעל, און ווען די פּושקע איז געעפנט געוואָרן, האָבן אַלע דערזען אונטער די קופּערנע מטבעות אַ שטיקעלע פּאַפּיר.

— גערעכט איז אונדזער אָפיצער! — האָבן עטלעכע אויסגעשריגן אין איין קול. — אַ סוד? אַ מלחמה-סוד? וואָס שטייט דאָרט געשריבן?

און די סאָלדאַטן זענען באַפאַלן דאָס צעטעלע. אָבער איבערלייענען עס האָט געקאָנט נאָר איינער פון זיי — דער סאָלדאַט פון ארץ-ישראל, דער ייד.

— נו? וואָס?, — האָבן אַלע אומגעדולדיק געפרעגט, ווען זיי